## קען מען באהאנדלען קאנדזשעניטל CMV?

אויב אייער בעיבי האט קאנדזשעניטל CMV, קען זייער העלט קעיר פראוויידער פארשלאגן צו געבן אן אנטיווייערעל מעדיצין. דער מעדיצין קען העלפן אייער בעיבי'ס הערן-קראפט און געזונט אנטוויקלונג. נישט אלע באהאנדלונגען האבן צוטון מיט געבן מעדיצין. בעיביס וואס האבן קאנדזשעניטל CMV קענען באקומען די הילף וואס זיי דארפן דורך די אורלי אינטערווענשאן פראָגראַם (Early Intervention Program, EIP). EIP קען זיי העלפן פארבעסערן זייער קאמיוניקאציע, שפראך, און סאושעל סקילס.

## אויב מיין בעיבי'ס הערן-קראפט איז "נארמאל," קען ער\זי נאך אלס האבן קאנדזשעניטל CMV?

טייל בעיביס מיט הערן-קראפט פארלוסט קענען האבן א נארמאלע נייגעבוירן הערן-קראפט טעסט אבער נאך אלס האבן קאנדזשעניטל CMV. עס איז וויכטיג אז איר זאלט באאבאכטן אייער בעיבי נאכן זיך צוריקקערן פון שפיטאל. אויב אייער בעיבי הויבט אן ווייזן צייכנס פון קאנדזשעניטל CMV אזוי ווי הערן-קראפט פארלוסט, זאלט איר רעדן צו אייער קינד'ס העלט קעיר פראוויידער וועגן אייערע זארגן. דער "גוטע הערן-קראפט טשעק-ליסטע" קען גענוצט ווערן דערקענען מעגליכע צייכנס פון הערן-קראפט פארלוסט אין אייער בעיבי.

## הילפסמיטלען

**די ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון געזונטהייט (New York State Department of Health)**

www.health.ny.gov/diseases/communicable/cytomegalovirus/fact_sheet.htm

**די צענטערן פאר קראנקהייט קאנטראל און פארמיידונג (Centers for Disease Control and Prevention)**

www.cdc.gov/cmv

**די ניו יארק סטעיט פריע הערן און אנטדעקונג אינטערווענשאן פראגראם (New York State Early Hearing and Detection Intervention Program)**

www.health.ny.gov/community/infants_children/early_intervention/newborn_hearing_screening/

קאנדזשענאטאל CMV איז די פירנדע גורם פון הערן-קראפט פארלוסט וואס איז נישט גענעטיש אין די פריע קינדער יארן.

New York State Department of Health

20192 (Yiddish) 04/23



# קאנדזשעניטל סייטאמעגאלאווייראס (CMV) טעסטינג און אייער בעיבי

New York State Department of Health

# פאר מענטשן וועלכע זענען שוואנגערדיג אדער וועלכע קענען ווערן שוואנגערדיג

## וואס איז קאנדזשעניטיל סייטאמעגאלאווייראוס (cytomegalovirus, CMV)? (ארויסגעזאגט סיי-טע-מעג-א-לאו-ווייי-רוס)

CMV איז א ווירוס וואס קען אפעקטירן מענטשן פון אלע יארגענג. עס קען פאראורזאכן מילדע, פלו-ענליכע סימפטאמען אבער געווענליך מאכט עס נישט קיין מענטשן קראנק. ווען א שוואנגערדיגע מענטש איז אנגעשטעקט מיט CMV, קענען זיי עס אריבערפירן צו זייער בעיבי וואס אנטוויקלט זיך. א בעיבי וועלכע ווערט געבוירן מיט CMV הייסט צו האבן קאנדזשעניטל CMV.

א בעיבי מיט קאנדזשעניטל CMV קען אנטוויקלען געזונט פראבלעמען, אזוי ווי הער-קראפט אדער זע-קראפט פארלוסט דעוועלאפמענטאל פארשפעטיגונגען, און סיזשורס. זיי קענען אויך געבוירן ווערן מיט א קליינע קאפ.

טייל בעיביס מיט קאנדזשעניטל CMV ווייזן צייכנס ביים געבורט וואס אייער בעיבי'ס דאקטער קען זען. אנדערע בעיביס ווייזן נישט קיין שום צייכנס פון קאנדזשעניטל CMV ביים געבורט.

הער-קראפט פארלוסט אידז די מערסטע באקאנטע צייכן פון א קאנדזשעניטל CMV אינפעקציע. עס קען דארט זיין ביים געבורט אדער קען זיך עס אנטוויקלען שפעטער אין לעבן.

## וויאזוי ווייס איך אויב מיין בעיבי האט קאנדזשעניטל CMV?

אלע נייגעבוירענע בעיביס אין ניו יארק סטעיט האבן א הער-קראפט טעסט נאכן געבורט. דער הער-קראפט טעסט איז שנעל און טוט נישט וויי, און מען קען עס טון בשעת אייער בעיבי שלאפט. מען וועט מעגליך דארפן נאכאמאל אונטערזוכן די הער-קראפט פון אייער בעיבי איידער אדער נאך איר פארלאזט די שפיטאל. אויב אזוי, זאל אייער בעיבי'ס העלט קעיר פראוויידער אונטערזוכן אייער בעיבי פאר קאנדזשעניטל CMV. דער טעסט קען געטון ווערן נוצנדיג אייער בעיבי'ס שפייכעכץ אדער אורין. טעסט רעזולטאטן קענען צייגן אויב אייער בעיבי האט א קאנדזשעניטל CMV אינפעקציע וואס קען פאראורזאכן געזונט פראבלעמען.

## גוטע הער-קראפט טשעק-ליסטע

### געבורט ביז 3 מאנאטן

- ווערט שטיל ווען ארום טאג-טעגליכע שטימעס אדער קולות
- רעאגירט צו הויכע קולות: בעיבי דערשרעקט זיך, בלינקט, הערט אויף זייגן, וויינט, אדער וועקט זיך אויף
- מאכט לייכטע קולות ווען וואך: בעיבי גורגל'ט

### 3 ביז 6 מאנאטן

- דרייט אויגן אדער קאפ אין ריכטונג פון קולות: שטימעס, שפילצייג וואס מאכט קולות, א הינט וואס בילט
- הויבט אן מאכן קולות ענליך צו רעדן: "גא", "בא," "או," און פ, ב, מ קולות
- רעאגירט צו א טויש אין אייער וועג פון רעדן

### 6 ביז 9 מאנאטן

- רעאגירט צו ווייכע קולות, ספעציעל רעדן
- רעאגירט צו די אייגענע נאמען
- פארשטייט איינפאכע ווערטער: "ניין", "ביי-ביי," "טרינקען"
- רעדט אן ווערטער: "דא דא דא," "מא מא מא,"

### 9 ביז 12 מאנאטן

- רעאגירט צו סיי ווייכע און סיי הויכע קולות
- זאגט נאך איינציגע ווערטער און מאכט נאך קולות
- ווייזט אויף באליבטע שפילצייג און עסנווארג ווען געפרעגט

### 12 ביז 18 מאנאטן

- נוצט 10 אדער מער ווערטער
- פאלגט אויס איינפאכע אנווייזונגען: "נעם די באלי"
- ווייזט אויף מענטשן, קערפער טיילן אדער שפילצייג

### 18 ביז 24 מאנאטן

- נוצט 20 אדער מער ווערטער
- לייגט צאם צוויי אדער מער ווערטער: "מער טרינקען," "וואס איז דאס?"
- נוצט פארשידענע אותיות ביים אנהויב פון ווערטער: ב, ג, מ
- הערט זיך צו צו איינפאכע געשיכטעס און לידער

### 2 ביז 3 יאר

- נוצט זאצן מיט צוויי אדער דריי ווערטער
- ביז 2 יאר, איז אייער קינד'ס שפראך פארשטענדליך טייל מאל (25%-50%)
- ביז 3 יאר, איז אייער קינד'ס שפראך פארשטענדליך מערסטנס מאל (50%-75%)
- פאלגט אויס צוויי-שריט אנווייזונגען: "נעם די באלי און לייג עס אין די פושקע"

גענומען פון די קאליפארניע דעפארטמענט פון העלט סערוויסעס' (California Department of Health Services) טשעק-ליסטע.

**אויב איר זענט באזארגט וועגן אייער בעיבי'ס אנטוויקלונג, רעדט מיט זייער העלט קעיר פראוויידער.**